אַבֿרהם סוצקעווער / תּל־אָבֿיבֿ

# דער חכם פֿון חכמת־ייִדיש

## א

אויב עמעצער האָט שוין געזאָגט אָדער געטראַכט, אַז פֿרייַנדשאַפֿט קאָן אויך זייַן אַ מין לערן־אַנשטאַלט פֿון צוויי פֿאַרשוינען: לערער און תּלמיד און דערבייַ איז די חכמה פֿון לערער אָדער פּראָפֿעסאָר ניט אויסצושעפּן און דאָס געצוימטע שווייַגן פֿונעם תּלמיד איז אויך ניט אויסצושעפּן, איז דאָס בלויז אַ סימן, אַז דער עמעצער האָט אונטערגעהערט מייַנע געדאַנקען.

אין אַזאַ פֿרייַנדשאַפֿט־אַקאַדעמיע בין איך שוין עטלעכע און פֿערציק יאָר אַ פֿרייַער צוהערער: פֿריִער הינטער די אויגן, פֿון דער ווייַטן, צווישן ירושלים־דליטא און ירושלים און זינט 1947 — אויגן אַנטקעגן אויגן, גאָר־גאָר פֿון דער נאָענטן, אין ארץ־ישׂראל.

אָנגעהויבן האָט זיך אונדזער פֿרייַנדשאַפֿט אַזוי: ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה באַקום איך פֿון אונדזער הייַנטיקן בעל־יובֿל אַ בריוו אין ווילנע מיט זייַנעם אַ מאמר געדרוקט אין דבֿר וועגן מייַן ערשטלינגבוך לידער און דער הויפּט וועגן דער פּאָעמע וואָס אינעם בוך „ציפּריאַן נאָרוויד” — אַ נאָמען פֿון אַ גרויסן פּוילישן פּאָעט. ס׳איז געווען דער ערשטער אָפּקלאַנג וועגן מיר אויף העברעיִש. און די פּאָעמע באַקומט צום סוף אַזאַ קאָמפּלימענט: „איר שיינקייט איז ווי איר אמת”.

אין סעפּטעמבער 1941 בין איך פֿאַרמויערט געוואָרן אין ווילנער געטאָ ווו ייִדן און ייִדישע אותיות האָבן געבלוטיקט און זיך געראַנגלט אין אַ פֿאַרזיווגטן גורל. איבערן געטאָ־טויער האָבן די מושלים אויפֿגעהאַנגען אַ שילד: „אַכטונג. פּעסט. פֿאַר ניט־ייִדן פֿאַרבאָטן”. אָבער טייַוולאָנישע פּעסט האָט גאָר געבושעוועט מחוץ דער געטאָ, אין די מוחות פֿון די אַזוי גערופֿענע אַריער. דעריבער האָב איך דעם זייער דערפֿרייענדיקן מאמר וועגן מייַן ערשטלינגבוך מיטן וואַרעמען צושריפֿט פֿון זייַן מחבר, צוזאַמען מיט אַנדערע ברוך־הבאס וועגן מייַנע ערשטע געזאַנגען, מיטגענומען אין געטאָ אַריין. די געבענטשטע ווערטער וועגן מייַן פּאָעמע: „איר שיינקייט איז ווי איר אמת” איז מיר דאָרטן געוואָרן אַ מין קמיע. שיינקייט און אמת האָבן מיך געראַטעוועט פֿון די צווייפֿיסיקע העק. אָבער דעם קמיעדיקן מאמר מיטן וואַרעמען צושריפֿט פֿון זייַן מחבר האָב איך נסימדיק אויך געראַטעוועט. און אַז כ׳האָב אים איצטער, צו זייַן ווערן אַ בן־שמונים, צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט פֿאַר דבֿ סדן, און כ׳האָב דערבייַ באַמערקט: כ׳ווייס ניט ווער ס׳האָט

וועמען געראַטעוועט: איך איַער מאמר צי איַער מאמר מיך, האָט מיר דבֿ סדן גע־ענטפֿערט: זיכער, אַז מײַן מאמר האָט איַיך געראַטעוועט, ווײַל ער איז געוואָרן איַער קאָנטאַקט מיט ארץ־ישׂראל.

## ב

„דער לעצטער יורש פֿון די חכמי־בראָד”, ווי אַהרן צייטלין האָט באַזונגען אין אַ סאָנעט אונדזער בעל־יובֿל, האָט נאָך געהייסן בערל שטאָק ווען מיר האָבן ערבֿ מדינה־אויפֿקום זיך באַגעגנט אין תּל־אָבֿיבֿ. מיר האָבן גלײַך ממשיך געווען אַ שמועס וואָס האָט זיך קיין מאָל ניט אָנגעהויבן און וועט זיך קיין מאָל ניט ענדיקן. אין יענעם שמועס האָט ער מיר אויך דערציילט וועגן זײַן פֿריידיקן אויפֿטרייסל, ווען מלחמה־צײַט, אַפּריל 1944, האָט ער אין ארץ־ישׂראל אַן עפֿן געטאָן דעם ראַדיאָ און פּלוצעם דערהערט מײַן קול און מײַן לעבעדיקן גרוס צו אים — פֿון מאָסקווע.

דאָס איז געווען מײַן דאַנקשאַפֿט פֿאַר זײַן קמיע.

אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט האָט זיך נאָך מער פֿאַרקייטלט ווען כ׳האָב אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין תּל־אָבֿיבֿ די פֿערטל־יאָרשריפֿט די גאָלדענע קייט און דבֿ סדן איז געוואָרן איר שטענדיקער מיטאַרבעטער: פֿון זײַן ערשטן עסיי אינעם ערשטן באַנד אין 1949 וועגן ש״י עגנון (איבערן עסיי איז נאָך געווען דער נאָמען בערל שטאָק) ביזן איצטיקן עסיי וועגן זיך אַליין ווי אַ ייִדישער פּאָעט אין באַנד 107 אין 1982 — אַ קימאַ־לן פֿון דרײַ און דרײַסיק יאָר.

נאָך אַן איבעררײַס פֿון כּמעט אַזוי פֿיל יאָרן ווי זײַן מיטאַרבעט, איז דבֿ סדן ווידער צוגעפֿאַלן צו זײַן ייִדיש־פֿען און זי האָט זיך צעשפּילט מיט אַזאַ מאַמע־ווײַדע און באַבע־לשון, אַז דאַכטן דאַכט זיך: דער לעצטער יורש פֿון די חכמי־בראָד איז אויך אַ יורש פֿון שלום־עליכם.

לאָמיך דערציילן אַ סוד ניט בלויז פֿאַר בראָד: פֿון יענעם ערשטן עסיי וועגן ש״י עגנון ביז הײַנט צו זײַנע שמונים האָט דבֿ סדן אַרויסגעגעבן צען מלא־וגדושדיקע ספֿרים אויף ייִדיש וועגן חכמת־ייִדיש — דבֿ סדנס אַ טערמין פֿאַר ייִדיש־וויסנשאַפֿט — און אַכט ספֿרים זענען גרייט צום דרוק. דאָס זענען אָריגינעלע שטודיעס, פֿאָרשאַרבעטן, ליטעראַטור־קריטיק, זכרונות, פֿאָלקלאָריסטיק, זאַמלונגען פֿון הומאָר. ער האָט זיך אַפֿילו דערגרונטעוועט צום ערשטן ייִדישן גראַם.

„ווערטלעך ווערן ווערלטן” האָט יודל מאַרק אָנגערופֿן זײַן שטודיע וועגן דבֿ סדנס בוך די חכמה פֿון חכמות און ס׳איז דער פּאַסיקסטער נאָמען פֿאַר דער שטודיע; חן־גריבעלעך הייסט אַן אַנדער ווערק פֿון דבֿ סדן, און דאָס גאַנצע בוך איז אַדורכגעשמייכלט מיט אַ מחיהדיקן הומאָר און באַשפּרענקלט מיט חן און חן־גריבעלעך.

און אויב צו דעם אַלעם בין איך אַ מחותּן, ווײַל דבֿ סדן האָט געשריבן אַז אַ דאַנק די גאָלדענע קייט האָט ער באַנײַט זײַן ראָמאַן מיט ייִדיש — האָב איך דאָס רעכט צו זאָגן: אַשרי שזכיתי און דערבײַ — אַ צוגאָב: פֿון זינט איך בין געוואָרן זײַן רעדאַקטאָר, האָב איך ניט אויפֿגעהערט צו בלײַבן זײַן תּלמיד.

אָבער זײַן צופֿאַלן מיט אַזאַ פּאַסיע צו דער ביטערלעכער מתיקות פֿון ייִדיש, בײַ דער כּסדרדיקער פֿאַרשטאַרקונג פֿון זײַן העברעיִש־ענערגיע, באַהאַלט אַ מער טיפֿערע



דבֿ סדן — געצייכנט פֿון משה בערנשטיין

סיבה: מתקן צו זײַן דאָס לשון און די ניצול־געוואָרענע ליטעראַטור וואָס דער שׂונא האָט זיך פֿאַרמאָסטן טאָטאַל צו פֿאַרטיליקן מיטן פֿאָלק צוזאַמען.

דבֿ סדן איז אַ צווייישפּראַכיקער שרײַבער וואָס האָט באַשאַפֿן אַ דריטע שפּראַך: זײַן אייגענע. און כאָטש ער האָט וועגן זיך דערקלערט: „כ'בין אַן אַנאַרכיסט מיט אַ ייִדישן וועלטבאַנעם", וועט ער פֿון דעסטוועגן מיט מיר מסכּים זײַן, אַז ער געהערט צו דער פּאַרטיי פֿון ייִדישן פֿאָלק. און דעריבער איז נאַטירלעך געווען זײַן רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 14טן סעפּטעמבער 1951 אין ירושלים בײַם עפֿענען די ייִדיש־קאַטעדרע בײַם ירושלימער אוניווערסיטעט, ווי נאַטירלעך ס'איז געווען דאָס באַשטימען אים פֿאַר איר ערשטן פּראָפֿעסאָר. ער האָט יעמאָלט געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

און אויב די אוניווערסיטעט האָט זיך געמעגט קווענקלען וואָס פֿריִער און וואָס שפּעטער, האָט זי נישט געטאָרט איבערהיפּערן [די מסכתּא ייִדיש], שוין אָפּגערעדט, אַז זי האָט נישט געטאָרט פֿאַרזען. צו וואָס איז די זאַך געגליכן? צו אַן אַסטראָנאָם וואָס נעמט באַרעכענען אַ געשטעל פֿון שטערן און האָט דורכגעלאָזט אַ וואַזשנעם שטערן, האָט ער טאַקע אַ תּל געמאַכט פֿון זײַן גאַנ־צער אויסרעכעניש און זײַן חשבון איז קיין חשבון נישט.

(די גאָלדענע קייט נומ׳ 11, ז׳ 199)

ג

צו דערמאָנען אויפֿן שפּיץ פֿון דער פּען דב̄ סדן דעם שמועסער און דעם אומפּאַר־גלײַכלעכן בריוומײַסטער. אָט זענען ווערטערבליצן פֿון זײַן חכמה שבבעל־פּה:

איר ווייסט ווען איך האָב אָנגעשריבן מײַנע ביכער? ווען אַנדערע שרײַבער האָבן געטראַכט וועגן זיך.

אָדער: מע זאָגט אַז איך האָב אַ גוטן זכּרון? איך פֿאַרמאָג בלויז אַ גוטע ראיה.

און ווײַטער: צו איבערצײַגן אַ נאַר מוז מען זיך דערהייבן צו זײַן מדרגה און איך, דער קליינטשיקער, בין צו דעם נישט מסוגל.

און אָט איז אַ דוגמא פֿון אונדזערן אַ דיאַלאָג:

איך: מע זאָגט אַז איר האָט אָנגעשריבן און פֿונאַנדערגעשיקט איבער דער וועלט פֿופֿציק טויזנט בריוו.

סדן: אַ פּערטל מיליאָן — דאָס גרעסטע און וויכטיקסטע ווערק מײַנס.

איך: מעג איך ציטירן פֿון אײַערע בריוו צו מיר, וואָס קאָנען סטײַען פֿאַר אַ דיקלעכן באַנד?

סדן: איר מעגט ציטירן וואָס נאָר אײַער האַרץ גלוסט, אַחוץ די ערטער וווּ מענטשן קאָנען זיך פֿילן באַליידיקט.

איך: און אויב יענע מענטשן וואָס איר דערמאָנט זענען שוין אויפֿן עולם־האמת?

סדן: מעגט איר ציטירן. טויטע באַליידיקן זיך נישט.

כ׳וועל פֿון דעסטוועגן אַצינד ניט אויסניצן די דערלויבעניש צו ציטירן אַזעלכע ערטער פֿון זײַנע בריוו צו מיר, וואָס קאָנען אויפֿרודערן ערד און הימל פֿון אונדזערע ביידע ליטעראַטורן. כ׳וועל זיך באַנוגענען מיט אַרויסגעכאַפּטע לאַגאַדנע שורות וווּ ס׳איז קענטלעך זײַן באַרעדעוודיקער צימצום און זײַן קלוגער הומאָר.

וואָס איז ניט פֿאַראַן אין זײַנע בריוו? שווער צו זאָגן. פֿאַראַן אין זיי פּסיכאָלאָ־גישע פּאָרטרעטירונגען, באַלײַכטענישן אין די אָפּגרונטן פֿון מענטשלעכע נשמות, פּיקאַנטע סודות וועגן שרײַבערס וואָס בלויז ער, דב̄ סדן, איז איבער זיי דער וועכטער, חכמת־ייִדיש און־ייִדן, און ריינע חבֿרשאַפֿט וואָס גיט כּוח צו לעבן. אין גאַנצן גענומען זענען סדנס בריוו שלמותדיקע עסייען, גלײַך צום דרוק, אַ מינדסטן וואָרט ניט אויסצולאָזן.

אָט זענען שורות פֿון אַ בריוו בעת ער איז אַלט געוואָרן פֿינף און זיבעציק:

נאָך מער פֿאַרדראָס ווי אויף זיך אַליין האָב איך אויפֿן לוח און אויפֿן זייגער. אויפֿן לוח — פּורים איז אַ דאַטע וואָס גדעבנקט זיך לײַכט און ווי פֿלעגט מײַן באָבע עליה־השלום זאָגן: המן האָט מען אויפֿגעהאָנגען און דו האָסט זיך

אָפּגעריסן. ס׳איז נישט אַקוראַט: איך בין געבוירן פּורים־קטן, אָבער רובֿ יאָרן געפּראַוועט עס דאָך פּורים־גדול; אויפֿן זייגער — שוין דרײַ וואָכן אַז די שטוב מײַנע איז כּולו האַרמידער. טאָקע ליבשאַפֿט, לרובֿ אמתע, אָבער אַזוי פֿיל קרעפּלעך איז שווער צו פֿאַרדײַען.

פֿון אַ שפּעטערדיקן בריוו:

איך קלער שרײַבן אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן יונג־ווילנע. וואָס עס שטערט מיך — אַז איך בין נישט געווען אין ווילנע, כאָטש ווען מע לאָזט מיך אַראָפּ, ווען זי איז נאָך געווען, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, וואָלט איך שפּאַצירט אין איר ווי אין בראָד.

פֿון אַן אַנדערן:

איך האָב מיך פֿאַרגאַלאָפּירט, עס ליגן בײַ מיר, בלויז אויף יידיש, מער ווי אַ טוץ בענד און איך בין לגבי זיי כּרחם אָב על בנים. איך ווייס, אַז עס וועלן זײַן אַנדערע, בעסערע פֿון מיר, מעטאַדישערע פֿון מיר, אָבער אַזאַ צוזאַמענ־שטעל, אפֿשר מעג איך אַפֿילו זאָגן: אַזאַ סינטעז ווי איך, וועט נישט זײַן, קען נישט זײַן.

ווידער פֿון אַן אַנדערן:

בײַם איבערדרוקן מײַנע פֿריִערדיקע זאַכן בײַט איך קיין וואָרט נישט. איך פֿאַרריכט אַפֿילו נישט די גרײַזן. אָפּגעדרוקט איין מאָל — און אַזוי בלײַבט עס אויף שטענדיק. פֿאַרפֿאַלן.

און עטלעכע בריוו־שורות גאָר טשיקאַווע:

ס׳האָט צו מיר געקלונגען דער פּאָעט ראובֿן [לעבעדיקע טאָר מען דאָך נישט באַליידיקן!] ער וויל צו מיר קומען. איך האַלט דווקא פֿון אים און ער איז מער ווערט דעם איציק מאַנגער־פּרײַז ווי אַנדערע... כ׳האָב אים אָבער נישט פֿאַר־בעטן צו זיך אַהיים. און איר ווייסט פֿאַר וואָס? ווײַל ער האָט אַן אַלטע שטים, און פֿאַר אַלטע שטימען האָב איך מורא...

ד

דבֿ סדן פֿאַרמאָגט אַ זעלטענעם שטאַלענעם כאַראַקטער. אין זײַן ליטעראַטור־קריטיק דערגרונטעוועט ער זיך צום סאַמע דנאָ פֿונעם שרײַבערס חלום און ער דערזעט נאָך אַ סך טיפֿער: אין און דורך די דורות פֿון וואַנען דעם שרײַבערס חלום ציט זײַן ייִחוס. דבֿ סדן האַלט זיך בײַ דעם כּלל פֿון אַן אַנדער חכם, אַז וואָס מע פֿאַרשטייט ניט גרינטלעך איז ניט מעגלעך ליב צו האָבן. און ער האָט ליב אונדזערע בײדע ליטעראַטורן מיט זייערע שרײַבערס צוזאַמען — גאָר אַ זעלטנקייט! ער פֿאַרמאָגט, וואָלט איך זאָגן, אַן אוניווערסאַלן טעם: ער קאָן הנאה האָבן סײַ פֿון דער קלאַסישער פּאָעזיע און סײַ פֿון דער מאָדערנער און אַבסטראַקטער. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען דער פּאָעט אַליין איז ניט אַבסטראַקט. צו מאָל איז ער דער קריטיקער פֿון מידת־הרחמים. ער האַלט

קענטיק, אַז אויב ס׳איז נאָר פֿאַראַן דער האַרצקלאַפּ פֿון אַן עכטן טאַלאַנט, מעג מען אויף זײַן חשבון אַ קאַפּעלע איבערטרײַבן כּדי אים אונטערצוטרײַבן.

דבֿ סדן איז טאַקע ניט קיין חסיד פֿון בעלעטריסטישער וויסנשאַפֿט, אָבער אויך דאָ איז דער ייִדיש־נוסח און דער סטיל זײַנער דורכגעווירצט מיט היימישער אידיאָמאַטיק, פֿאָלקישן הומאָר, און חכמת־ייִדיש ווערט דורך דעם נאָך ערנסטער. זײַנע ווערטער פֿאַר־מאָגן דעם זכּרון פֿון זייער פֿאַראייביקער. זיי זענען אַ קלאַסישער באַוויַיז: וואָס טיפֿער ווערטער זענען פֿאַרוואָרצלט, אַלץ העכער פֿליִען זיי.

דער לעצטער יורש פֿון די חכמי־בראָד און דער ערשטער פֿון חכמת־ייִדיש, וואָס האָט מיך דערפֿרייט מיט שיינקייט ווי אמת אין ירושלים־דליטא, האָט פֿון ירושלים דערפֿרייט מיט שיינקייט ווי אמת און אמת ווי שיינקייט די גאַנצע ייִדישע וועלט־ליטעראַטור. איז פֿאַר מיר אַ זכיה צו ברענגען מײַן ברכה־ און ליבשאַפֿט־וואָרט צו דבֿ סדן, און אויך אין איר נאָמען אים אָפּגעבן כּיבוד־דבֿ.